**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף א 24 מיליאן דאלארדיגע אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט אין סענעקע פאָלס**

***איבערבויען א היסטארישע געביידע וועט שאפן 53 אפאָרדעבעל און ענערגיע-שפארזאמע היימער, אריינרעכענענדיג 27 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר וועטעראנען וועלכע זענען געווען היימלאז אין די פארגאנגענהייט***

***פראיעקט האט באקומען $800,000 אין פינאנצירונג דורך די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף Huntington Apartments, אן אפארטמענט געביידע וואס וועט געעפנט ווערן דורך א 24 מיליאן דאלארדיגע רענאוואציע פון די 19'טע יאר-הונדערט עפאכע Huntington געביידע אין סענעקע פאָלס. איינמאל עס וועט זיין פארענדיגט וועט די דעוועלאפמענט האבן 53 אפארטמענטס פאר צוגענגליכע פרייזן אין אן ענערגיע-שפארזאמע געביידע, אריינרעכענענדיג 27 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר וועטעראנען וועלכע נויטיגן זיך אין האוזינג.

"Huntington Apartments וועט ברענגען א נייע צוקונפט פאר צענדליגע פאמיליעס און וועטעראנען, בשעת'ן נאכאלץ אפהיטנדיג אויף א שטיקל פון סענעקע פאָלס'ס היסטאריע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע איז אנטשלאסן צו אויסנוצן די פאטענציאלן פון די קאמיוניטי'ס פארמעגנס, ווי די Huntington געביידע, צו פארגרעסערן די אויסוואהל פון הייזער פאר פאמיליעס, פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן און בויען די לעבהאפטיגע, אפאָרדעבעל קאמיוניטיס וואס קומט זיך פאר אלע ניו יארקער."

שטייענדיג אויף די ווינקל פון Fall Street און די וועטעראן'ס מעמאריעל בריק — ווערט Huntington Apartments דעוועלאפט דורך Home Leasing, און עס וועט אויסנוצן די שטייענדיגע דריי-שטאקיגע היסטארישע געביידע, צוריק אויפבויען די פערטע שטאק וואס איז אראפגעווארפן געווארן און אויך צולייגן א שטיקל צו די מערב זייט פון די געביידע. די פארענדיגטע געביידע וועט באשטיין פון פינף סטודיאו אפארטמענטס, 45 איין-שלאף-צימערדיגע און דריי צוויי-שלאף-צימערדיגע אפארטמענטס, מיט איין יוּניט אוועקגעלייגט פאר די מענעדזשער פון די געביידע. 31 פון די אפארטמענטס וועלן זיין גענוג ביליג פאר משפחות וועלכע פארדינען 50 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט ( Area Median Income, AMI), און די איבעריגע 21 וועלן זיין גענוג ביליג פאר די וועלכע פארדינען 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די AMI.

שטיצנדע סערוויסעס און רענט סאָבסידיס פאר 27 אפארטמענטס וועלן צוגעשטעלט ווערן דורך Eagle Star Housing, אויסגעצאלט דורך די 'עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו' ( Empire State

(Supportive Housing Initiative און אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance). צוגעשטעלטע סערוויסעס רעכענען אריין קעיס מענעדזשמענט, טראנספארטאציע סערוויסעס, פארבינדונג צו דראג אביוּז סערוויסעס און מעדיצינישע און גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס.

Huntington Apartments וועט נאכקומען די סטאנדארטן פון היימער וועלכע ווערן סערטיפייד אונטער דעם EPA Energy Star Certified Homes V3.1 פראגראם און די 2020 סטאנדארטן פון Enterprise Green Communities. אלע אפּארטמענטס וועלן נוצן אפּלייענסעס וועלכע זענען סערטיפייד אלץ Energy Star און צענטראלע עיר קאָנדישאנינג.

די היינטיגע אנאנס באגלייט גאווערנער האקול'ס ['גערדיכטע האוזינג' (Housing Compact)]() פלאן, א פילפאכיגע סטראטעגיע וואס איז אהערגעשטעלט געווארן צו אדרעסירן ניו יארק'ס היסטארישע האוזינג מאנגל דורכן אויפבויען 800,000 נייע היימער אין לויף פון די קומענדיגע צען יאר. די גערדיכטע האוזינג פלאן וועט מוטיגן וואוקס דורכן אוועקנעמען שטרויכלונגען צו האוזינג פראדוקציע, גיבן באלוינונגען פאר נייע קאנסטרוקציע און אוועקשטעלן לאקאלע האוזינג ציהלן אריבער יעדע קאמיוניטי. די גערדיכטע האוזינג פלאן פאלגט נאך לעצטע יאר'ס עפענונג פון די גאווערנער'ס 25 ביליאן דאלארדידיגע ברייטע האוזינג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן איבער גאנץ ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

די רענאוואציע פון Huntington Apartments איז טייל פון סענעקע פאָלס'ס 'שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו' (Downtown Revitalization Initiative, DRI). די שטאט איז אויסדערוועהלט געווארן אלץ די פינגער לעיקס ראיאן געווינער פון די 10 מיליאן דאלארדיגע DRI גרענט אין די פערטע רונדע. די DRI דינט אלץ א באשטאנדטייל פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג פּאליסי דורכן איבערמאכן שטאטישע געגנטער צו ווערן לעבהאפטיגע צענטערן פון אקטיוויטעט וועלכע ברענגען א הויכע קוואליטעט פון לעבן און ציהען צו ביזנעסער, דזשאבס און עקאנאמישע און פארשידנארטיגע האוזינג.

די ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR) האט אינוועסטירט פעדעראלע און סטעיט נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס אין די Huntington Apartments וועלכע וועלן אויפטרייבן 12.1 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און 3.7 מיליאן דאלאר אין סאָבּסידי. די ניו יארק סטעיט היסטאריע אפהיטונג אפיס (Office of Historic Preservation) האט געשאנקען 7.1 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע און סטעיט היסטארישע טעקס קרעדיטס. די ניו יארק סטעיט סטעיט דעפּארטמענט האט צוגעשטעלט $800,000 אלץ טייל פון די DRI, און די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (Energy Research and Development Authority) האט צוגעשטעלט $51,800 פון איר 'מולטי-פאמיליע נייע קאנסטרוקציע' ( Multi-Family New Construction) פראגראם. די קאמיוניטי פרעזערוועישן קארפארעישען ( Community Preservation Corporation, CPC), א נאָן-פּראפיט פירמע וואס גיבט הלוואות פאר מולטי-פאמיליע געביידעס, שטעלט צו א קביעות'דיגע הלוואה אין די סומע פון $475,000 מיט SONYMA אינשורענס צו שטיצן דעם פראיעקט.

אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל אינוועסטירט מער פון 20 מיליאן דאלאר אין סענעקע קאונטי צו בויען אדער אויפהאלטן מער פון 200 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן.

**היימער און קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער רוט-ען וויסנאָסקעס האט געזאגט,** "די רענאוואציע פון די Huntington געביידע וועט פרעזערווירן א מערקווירדיגע געביידע פון די 19'טע יאר-הונדערט וואס האט

געהאט אן אנוועזנהייט אין די קאמיוניטי פאר פילע דורות, בשעת'ן אויפבויען אפאַרטמענטס פאר 53 פאמיליעס, אריינרעכענענדיג 27 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר וועטעראנען. די קאמיוניטי-אריענטירטע דעוועלאפמענט איז א ביישפיל פון גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו נאכקומען די נויט פאר היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער די גאנצע סטעיט. מיר באדאנקען Home Leasing און אונזערע שותפים פאר זייער ארבעט צו אנקומען צו די היינטיגע טאג."

**סעקרעטערי אָוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו פראיעקט איז א גוואלדיגע ביישפיל פון וויאזוי היסטארישע געביידעס קענען איבערגעבויט ווערן צו נאכקומען די באדערפעונישן פון א קאמיוניטי וואס ענדערן זיך כסדר. מיר ווייסן אז אינוועסטירן אין אפאַרדעבעל הייזער העלפט אונזערע שטאטישע קאמיוניטיס בליהען, און איינמאל עס וועט זיין פארענדיגט, וועט Huntington Apartments צושטעלן אפאַרדעבעל, ענערגיע-שפארזאמע הייזער פון א הויכע קוואליטעט פאר סענעקע פאָלס איינוואוינער, און עס וועט העלפן איבערדרייען די שטאט צו ווערן א הויפט דעסטינאציע פאר ניו יארקער מיט אלע שטאפלען פון איינקונפט און פון אלע סארטן הונטערגרונטן צו רופן זייער היים. די ענערגיע-שפארזאמקייט חלק דערפון איז קריטיש אין די צייט ווען די סטעיט שטייט אין שפיץ פונעם לאנד אין דעם קאמף קעגן קלימאט טויש, און די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו שטיצט קלימאט-פריינטליכע פראיעקטן."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט האט געזאגט,** "דורך די גאווערנער'ס שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און דורך ווירקזאמע צוזאמענארבעט צווישן מערערע אגענטורן, ווערן שטאט צענטערן אריבער ניו יארק סטעיט באמת די בליהענדע, פארבינדענע צענטערן און הערצער פון זייערע קאמיוניטיס. טראנספארמירן די הערליכע היסטארישע געביידע צו ווערן אפאַרדעבעל הייזער וועט העלפן רוקן סענעקע פאָלס נאענטער צו איר חזון פון זיין א פיסגייער-פריינטליכע שטאט-צענטער וואו מענטשן ווילן וואוינען, ארבעטן און פארברענגען."

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער, דעניעל וו. טיעץ, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, איז ניו יארק סטעיט קאנצענטרירט צו שטארק פארגרעסערן די אויסוואהל פון שטיצנדע און אפאַרדעבעל הייזער אריבער די גאנצע סטעיט. Huntington Apartments וועט ברענגען שטיצנדע הייזער פאר וועטעראנען וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט, ערמעגליכנדיג זיי צו האבן א זיכערע, אפאַרדעבעל פלאץ צו וואוינען וואו זיי קענען גרינגערהייט צוקומען צו סערוויסעס און בלייבן אין א סטאבילע הויז."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "דער Huntington Apartments פראיעקט וועט גיבן פאר סענעקע קאונטי איינוואוינער צוטריט צו נייע אפאַרדעבעל הייזער וועלכע זענען א מוסטער פון די וויכטיגע ראלע וואס היסטארישע געביידעס קענען שפילן אין די אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע. דורכן נוצן ענערגיע-שפארזאמע אפלייענסעס און גאר ווירקזאמע עקוויפמענט און מאטעריאלן, וועט דער פראיעקט ברענגען קלימאט-פריינטליכע, באקוועמע פלעצער צו וואוינען צוזאמען מיט קריטישע סערוויסעס פאר שוואכערע ניו יארקער."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדער איינוואוינער פון סענעקע פאָלס צו האבן צוטריט צו זיכערע האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן, און איך בין שטאלץ אז די פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט, וואס איך האב געקעמפט צו פארברייטערן, האט צוגעשטעלט די מיליאנען וועלכע האבן אויסגעפעהלט צו קענען אנהויבן קאנסטרוקציע אויף די צענדליגע נייע ענערגיע-שפארזאמע היימער פאר צוגענגליכע פרייזן פאר וועטעראנען. אונזערע וועטעראנען האבן געדינט אונזער לאנד, און מיר מוזן זיי דינען אלץ הכרת הטוב. דאס וועט העלפן זיכער מאכן אז וועטעראנען אין די פינגער לעיקס האבן צוטריט צו די אפאַרדעבעל היימער וואס זיי דארפן און

וואס קומען זיך זיי. איך אפּלאדיר גאווערנער האקול פארן זיך רוקן פאראויס מיט אפּאָרדעבעל האוזינג, און איך וועל ווייטער קעמפן צו ארויסבאקומען יעדע דאלאר אין פעדעראלע שטיצע וואס פעהלט זיך נאר אויס צו העלפן אונזערע וועטעראן קאמיוניטיס אריבער די פינגער לעיקס."

**סטעיט סענאטאר טאם אָומארא האט געזאגט,** "סטעיט אינוועסטירונגען אין שטיצנדע האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן אין אונזערע קאמיוניטיס – אריינרעכענענדיג פאר נויטבאדערפטיגע וועטעראנען – זענען פאר צו פארשטערקערן די יסודות פון געגנטער און די קוואליטעט פון לעבן פאר טענאנטס און איינוואוינער אין קאמיוניטיס ארום די ראיאן און סטעיט. Huntington Apartments איז א וויכטיגע אונטערנעמונג וואס וועט ברענגען אפּאָרדעבעל הייזער און אנדערע קריטישע קורץ- און לאנג-טערמיניגע בענעפיטן צו פארזעצן צו אויפלעבן און פארשטערקערן די סענעקע פאָלס קאמיוניטי."

**אסעמבלי מיטגליד דזשעף גלעהען האט געזאגט,** "דאס איז א באגייסטערנדע אינוועסטירונג אין די צוקונפט פון סענעקע פאָלס. שטאטישע צענטערן זענען די הערצער פון אונזערע קאמיוניטיס, און די רענאוואציע פון די Huntington געביידע וועט העלפן שטיצן די אנגייענדע וואוקס און הצלחה הפון אונזער שטאט-צענטער. די HCR זעצט פאר צו שפילן א קריטישע ראלע ביים ערמעגליכן עקאנאמישע וואוקס דורך די דעוועלאפּמענט פון זיכערע און אפּאָרדעבעל הייזער אריבער אונזער גאנצע ראיאן."

**סענעקע פאָלס טאון סופּערווייזאר, מייקעל פערערא, האט געזאגט,** "אין נאמען פון די טאון באורד און די בירגער פון סענעקע פאָלס זאג איך אז מיר זענען גאר באגייסטערט מיט דעם פראיעקט. מיר ווילן ווארעם באגרוסן Home Leasing צו אונזער קאמיוניטי, און מיר קוקן ארויס צו סעפטעמבער 2024 ווען נייע, ענערגיע-שפּארזאמע און אפּאָרדעבעל הייזער וועלן געעפנט ווערן פאר אונזער קאמיוניטי און אונזערע וועטעראנען. איך וויל אויך באדאנקען די קאָוק פאמיליע פאר זייער געדולד און צענדליגע יארן פון דינסט פאר סענעקע פאָלס."

**CEO פון Home Leasing, ברעט גאַרוואוד, האט געזאגט,** "Home Leasing איז שטאלץ צו העלפן פרעזערווירן די Huntington געביידע און ברענגען גאר נויטיגע אפּאָרדעבעל הייזער צו סענעקע פאָלס. מיר זענען דאנקבאר פאר אלע אונזערע שותפים און די קאמיוניטי פארן ארבעטן צוזאמען צו אפהיטן די וויכטיגע היסטארישע געביידע."

**אסיסטענט וויצע פרעזידענט און מארטגעדזש אפיסער ביי די קאמיוניטי פרעזערוועישען קארפּארעישען, מיריעם זינטער, האט געזאגט,** "אן אפּאָרדעבעל, שטיצנדע פלאץ צו רופן א היים קען זיין איינס פון די מערסט עפעקטיוו וועגן צו העלפן ברענגען סטאביליטעט און געלעגנהייט צוריק צו מענטשן'ס לעבנס. די Huntington Apartments פאסט זיך אריין אין די CPC'ס מיסיע צו אינוועסטירן אין פראיעקטן וועלכע בלאזן אריין א נייע חיות אין אונזערע היסטארישע געביידעס, זיי ארומדרייענדיג צו ווערן אוצרות וועלכע דינען די אייגנארטיגע האוזינג באדערפענישן פון אונזערע קאמיוניטיס פאר פילע יארן אין די צוקונפט. איך וויל באדאנקען אונזער לאנג-טערמיניגע שותף, Home Leasing, אלע אונזערע סטעיט שותפים און גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו מאכן ניו יארק מער אפּאָרדעבעל און יושר'דיג פאר יעדן איינעם."

**<u>פארשנעלערן 'פינגער לעיקס פאראויס'</u>**

די היינטיגע אנאנס איז א חלק פון "פינגער לעיקס פאראויס" (Finger Lakes Forward), די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע וויאזוי צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. דער ראיאניש אויסגעלייגטער פלאן קאנצענטרירט זיך אויף אינוועסטירן אין הויפּט אינדוסטריעס אריינגערעכנט פאטאניקס, אגריקולטור, און עסנווארג פראדוקציע, און פארגעשריטענע פאבריצירונג. מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן